# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Light and Shadow in Today’s L. A. / Likht Un Shotn In Der Hayntiker L. A.

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/54m9v1kn

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author
Malamut / Malamut, I. / Yud L. / Lamed

### Publication Date
1953

### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פון גרעניץ ביז צו גרעניץ און פון בראָך צו בראָך
געטראָגן האָסטו, מיין פאָלק, דיין טרוים אין אותיות פון ספרים,
און אויפן האַרץ דאָס לייוונטענע זעקל מיטן ביסל ערד
פון דאָרט, אויף דעם צוקאָפּנס פאַר די גלות-קברים.

געבענטשט זאָל זיין די שעה, מיין פאָלק, ווען קערסטו זיך אום
אין לאַנד יענעם פון אַלע סטאַציעס פון דיין פּיין,
און ס'לערנט דיך דער קוואַל, דער פעלז, דער זומפּ, דער שטיין,
דאָס וואָרט, דאָס לאַנג-פאַרגעסענע באַנעמען און פאַרשטיין —
דו שטאַמלסט עס, דו שלוכצסט עס אוים, דו זינגסט עס אוים —
מיין היים.

---

# ליכט און שאָטן אין דער היינטיקער לאָס אַנגעלעס

## פון יוד לאַמעד מאַלאַמוט



עס איז דאַכט זיך ניטאָ נאָך איין שטאָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זאָל אַזוי פאַראינטריגירן אַ יידישן מענטשן ווי אונדזער לאָס אַנדזשעלעס.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, אין 1954, וועט ווערן הונדערט יאָר זינט עס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ יידישער ישוב. אין 1854, ווייסן מיר שוין היינט פון דער געשיכטע, זיינען דאָ געווען זעקס יידן.

היינט-צו-טאָג האָבן מיר דאָ אַ ישוב פון ניט ווייניקער ווי 350 טויזנט יידישע נפשות; אַנדערע ווילן האָבן, אַז מיר האָבן שוין אַ סך מער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס יעדן טאָג קומען אָן אַהער אַן ערך פון טויזנט נפשות. קיין חידוש ניט וואָס דער גאַנצער ענין איז אַזוי אינטריגירנד, און טאַקע דעריבער איז כדאַי צו וואַרפן אַ בליק סיי אויף די ליכטיקע ווי אויך אויף די שאָטנדיקע זייטן אין דער יידישער גאַס.

פון איין זייט, אַ הונדערט פּראָצענטיקע גוט אָרגאַניזירטע יידישע קהילה (דער דזשואיש קאָמיוניטי קאַונסיל), אַ בנין וואָס האָט באַוויזן אַריינצונעמען אונטער זיין דאַך כמעט אַלע יידישע אַנשטאַלטן, וואוילטעטיקייט, חינוך, ציוניזם, און אַזוי כסדר.

זייער אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס גאָט און לייט מעגן אונדז מקנא ין. וואָס עס איז שייך וואוילטעטיקייט, (וועלפעיר), וועט ניט זיין איבערטריבן זאָגן, אַז יעדער איינציקע שיכט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פון ר אָרימסטער ביז דער רייכסטער, איז פאַרטראָטן, מחמת עס איז דאָ געשאַפן וואָרן אַ וואוילטעטיקייט-באַוואוסטזיין; דאָס אַחריות פילט זיך ביי אַלע טיילן דער יידישער באַפעלקערונג, און קיינער זוכט זיך ניט אַרויסצודרייען פון שטייערן זיין חלק, ווער מער, ווער ווייניקער.

איז טאַקע דער דזשואיש קאָמיוניטי קאָנסיל דער שטאָלץ פון דער יידישער ל. א. און ווערט באַוואונדערט פון יעדן ניי־צוגעקומענעם און דורכפאָרער, וועלכער האָט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן דעם קאָמיוניטי קאָנסיל.

דער אַחדות פּרינציפּ וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס יסוד פאַר דער ל. א. יידישער קהילה, איז עפּעס וואָס אַ סך שטעט מעגן אונדז מקנא זיין.

דאָס איז די ליכטיקע זייט פון דער יידישער לאָס אַנגעלעס.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען דער שרייבער פון די שורות איז אָנגעקומען אַהער צום ערשטן מאָל, איז דאָס יידישע געזעל־שאַפטלעכע לעבן דאָ געווען לחלוטין דיסאָרגאַניזירט, מען מעג זאָגן, אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. די „פעדעריישאָן" איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע איבער אַלע יידישע אַנשטאַלטן, שפּיטאָלן, צדקה; חינוך איז גאָר געווען אין אַ תוהו־ובוהו מצב. אַרום דער פעדעריישאַן האָבן געבאַלעבאַטעוועט יאַהודים פון דעם רעפאָרם שניט; אַנדערע יידן האָבן לחלוטין קיין דעה ניט געהאַט אין דער פאַרוואַלטונג.

אַז מען פאַרגלייכט יענעם מצב פון מיט דרייסיק יאָר צוריק מיט היינט, קען מען ניט לייקענען אַז מיר זענען שוין דאָ זייער ווייט אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געמאַכט גרויס פאָרשריט.

אָבער... און דאָ קומען מיר צו דער שאָטנדיקער זייט אויף דער יידישער גאַס.

פון איין זייט זעען מיר, אַז גראַד אין יענער צייט האָבן מיר פאַרמאָגט אַ יידישע פּרעסע: פריער דר. וואָרטסמאַן, מיט זיין „קאַליפאָרניער יידישע שטימע", דערנאָך האָבן אַנדערע ביי אים אָפּגעקויפט, האָבן זיך אפילו פאַרמאָסטן צו געבן אַ טעגלעכע צייטונג. אָבער סיי ווי, אפילו נאָכדעם ווי די פּראָבע אויף אַ טעגלעכער צייטונג האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָט זיך פאָרט אָפּגעשטעלט אַ גאַנץ פיינע יידישע וואָכנבלאַט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט געוועקט און דערמוטיקט, סיי אויפן געביט פון ציוניזם, סיי פאַר דער יידישער דערציאונג—מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ יידישער „דעת הקהל", אַן עפנטלעכע מיינונג.

וואָס געפינען מיר היינט־צו־טאָג?

פאַרשטומט איז געוואָרן די יידישע צונג. הונדערטער טויזנטער יידן ריידן נאָך יידיש, און קיינעם פון זיי פאַלט גאָרניט איין צו פאַראינטערעסירן זיך, אַז זייער לעבן זאָל אָפּגעשפּיגלט ווערן דורך דאָס יידישע וואָרט—זאָל זיין כאָטש אין קליינע וואָכנשריפט, אָדער על־כל־פנים דורך אַ פּעריאָדישער שריפט, דורך וועל־כער עס זאָל זיך פילן, אַז עס שלאָגט דאָ אַ יידישער פּולס.

כדאי אויך צו וואַרפן אַ בליק אויף דער יידישער דערציאונג.

אמת, מיר האָבן דאָ שולן מכל המינים: לינקע און רעכטע, אַרבעטער רינג שולן, אָרדן שולן, און שולן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

זאָל אונדז אָבער צו קיין חרפה ניט זיין: גראַד די שולן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, די פאָלקשולן פון יענער גרופּע וואָס זענען דווקא געווען די פּיאָנערן, די וועטעראַנען אין דער יידישער לאָס אַנגעלעס, דווקא די דאָזיקע שולן געפינען זיך די לעצטע צייט אין אַ קריטישן מצב; זייער גורל הענגט אין משקולת, און עס נעמט אייך אַרום אַ טיפער פאַרדרוס ווען איר זעט, אַז אַרום די דאָזיקע שולן געפינט זיך דווקא אַן עלעמענט, וואָס מען קאָן ניט זאָגן, אַז אי

פעלט פרנסה, אַז ער איז פשוט ניט בכוח אָפּצושאַפן דעם פינאַנציעלן קריזיס, און אויב דאָס איז אַזוי, מוזט איר קומען צום שלוס, אַז איינס פון די ביידע: אָדער אונדזערע וועטעראַנען, אונדזערע פיאָנערן, וואָס האָבן נאָך אַרום די שולן, זענען פשוט אַלט געוואָרן, זענען מער ניט בכוח זיך צו באַגייסטערן פאַר יענע אידעאַלן וואָס זענען זיי געווען טייער מיט צוויי און דריי צענדליק יאָר צוריק, אָדער, אָפן גערעדט, כאָטש עס וועט קלינגען אַביסל ציניש—זיי זיינען יוצא מיט רעדן, און ווילן פשוט ניט אַריינלייגן די הענט אין די קעשענעס און זיך אַליין ביישטייערן מיט די נויטיקע סומען וואָס פאָדערן זיך אויסצוהאַלטן די אנשטאַלטן וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן.

איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז אונדזערע יידישע יידן וועלן אפשר זיך פילן געטראָפן, אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן:

אונדז געפעלט לחלוטין ניט די צינישע באַציאונג, דער פעסעמיסטישער טאָן וואָס היגע יידישע וואָרט-פירער האָבן אָנגענומען צו יידיש, צו פרעסע, צו דער-ציאונג. און עס האָט ניט קיין זינען זיך אויסצודרייען מיט תירוצים, ווען אין דער אייגענער צייט פילן די יידן ניט דאָס גרויסע אחריות צו דער יידישער גאַס, צו דעם יידישן וואָרט, צו דער יידישער קינדער-דערציאונג.

ביי דער יערלעכער אונטערנעמונג פון דער מיטלשול האָבן מיר דווקא געזען, אַז אונדזערע קינדער אין אַמעריקע קענען דערצויגן ווערן, קענען אויפגעבראַכט ווערן אין אונדזער גייסט, ווען מען גיט זיך מיט זיי אָפּ.

דאָס וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן מיט זיבן קינדער (גראַדואַנטן) וואָלט געווען געקאָנט אויפגעטאָן ווערן **מיט זיבעציק קינדער**, ווען די אַלע וואָס טומלען זיך און פּלאַפּלען וועגן יידישער דערציאונג, וואָלטן באמת זיך אַריינ-געוואָרפן אין דער אַרבעט צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן, און ווען ניט שאַפן, איז טאַקע גיבן פון אייגענע קעשענעס, און ניט דערלאָזן צו אַ קריזיס אויף דעם געביט פון יידישער דערציאונג אין לאָס אַנגעלעס.

מיר דאַרפן קיינעם ניט דערציילן דעם מצב פון דעם „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג"—ווייט ניט קיין גלענצענדיקער.

ניט צו באַרימען זיך, אָבער אַ פאַקט איז עס דאָך, וואָס קיינער וועט ניט אָפּלייקענען: דער ל. א. יידישער קולטור-קלוב, געגרינדעט מיט 27 יאָר צוריק, אַ דאַנק עטלעכע ענערגישע עקשנים, האָט פאָרט באַוויזן אויפצוהאַלטן אַן אייגענע הויז, אַ טריבונע פאַר יידיש, וואָך-איין וואָך-אויס, יאָר-איין יאָר-אויס, ציט אַן עולם פון אַ פאָר הונדערט יידישע מענטשן יעדן שבת אָוונט, און אויך די מאָנטיק-דיקע לעקציעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

פרעגט זיך: פאַרוואָס זעט ניט דער עלעמענט אַרום דעם „אינסטיטוט" אויסצובעסערן דעם מצב אויך דאָרטן, און דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן אויף נאָרט סאַטאַ און אויף אַנדערע געגענטן.

צווישן די הונדערטער טויזנטער יידן אין ל. א. איז דאָ אַ טיפער באַגער פאַר יידיש, פאַרן יידישן וואָרט, פאַר אַ יידישער פרעסע, פאַר יידישער קולטור און דערציאונג.

פאַרוואָס האָבן אונדזערע וואָרט-פירער צייט און ענערגיע פאַר אַלעס, נאָר ניט פאַר יידיש?

פאַרוואָס האָבן זיי אַליין דערפירט יידיש דאָ צו קבורה ? פאַרוואָס האָבן זיי ניט די אַמביציע זיך אויפצוכאַפּן פון זייער אַפּאַטישקייט, פון זייער לעטאַרגיע, און זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט, כל־זמן עס איז נאָך ניט צו שפּעט?

מיר זענען דאָ ברוך השם געבענטשט מיט יידישע קינסטלער מכל המינים, יידישע דיכטער, עסייאיסטן, וואָרט־פירער, וואָרט־קינסטלער—ווי שעמען זיי זיך ניט, ווי קאָנען זיי איינזיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך באַציען אַזוי נאכלעסיק, אַזוי קאַלט צו די אַלע פּראָבלעמען וואָס זענען דאָ באַריירט געוואָרן ?

פאַרוואָס שרייבן זיי אונטער זייער אייגענעם אונטערגאַנג דורך רעזיגנאַציע, דורך שטילשווייגן, דורך מאַכן זיך טויב און בלינד? דער עיקר איז עס אונדז אַ חידוש אויף די עלעמענטן אין אונדזער ציוניסטיש־אַרבעטער באַוועגונג.

געפינט מען אַ תירוץ: ישראל, באָנדס פאַר מדינת ישראל, נאַציאָנאַל־פאָנד, הסתדרות, וכדומה. און קיינעם פאַלט גאָרניט איין, אַז מקיים זייענדיק די אַלע מצוות, ווערן מיר ניט פטור פון האַלטן אונדזער אייגענע הויז, די גייסטיקע הויז דאָ אויפן אָרט אין אָרדענונג.

צי זיינען מיר טאַקע ניט מער ווי געוואָרן אַן אַגענץ פאַר ישראל, און דורכדעם פטור געוואָרן פון אחריות פאַר אונדזער שפּראַך, אַחריות פאַר דער יידישער דערציאונג ?

אַלע אונדזערע יידישע קולטור־טוער, אונדזערע דיכטער, עסייאיסטן, אונדזערע וואָרט־פירער, אונדזערע קינסטלער מכל המינים, האָבן זיך געמעגט אַריינטראַכטן אין די פראַגן, איידער עס ווערט צו שפּעט.

דאָס אַלעס וואָס מיר האָבן אפילו פאַר ישראל דערגרייכט, האָבן מיר דערגרייכט דורך יידיש, דורך דער שפּראַך, דורך דעם וואָרט, דורך אונדזער קולטור. אויב מיר האָבן אַ באַציאונג צו קולטור, וועלן מיר מוזן ענדערן די לאַגע.

## באַגריסונג פון דר. א. א. ראָבאַק

ליבע פריינט מאלאמוט און פרידלאַנד :

שוין עטלעכע יאָר ווי איך האָב נחת פון דעם קולטור קלוב אין לאָס אַנ[...] געלעס און באַדויער וואָס די שטאָט איז אַזאַ מרחק פון אונדזערע מקומ[...] וואָס מיר געפעלט מער ווי אַלץ ביי אייך איז די אחדות מער ווייניקער, וו[...] פאַרגרינגערט אַביסל די שווערע קולטור אַרבעט.

הלואי וואָלטן געווען אַ סך שטעט אַזעלכע ביי אונדז. פונדעסטוועגן וו[...] דער דורכשניט ביי אייערן אַן אָונט געווען באַדאַרפט זיין מער ווי צוויי הונד[...]

דעם באָדן דאַרף מען נאָך גוט באַאַקערן, און מע מוז איינשפּאַנען אינ[...] כוחות צו דער אַרבעט, און דער עיקר ניט צו פאַרבטלען טייערע צייט [...] פּאָליטיק. די יידישע קולטור מוז זיין איבערפּאַרטייאיש כדי צו עקזיסטיר[...] פּאָליטיק קאָן געפירט ווערן מחוץ דער קולטור.

לאָמיר האָפן אַז פון קולטור קלוב וועט אויסוואַקסן אַן אינסטיטוט אַז מלאָס אנגעלעס תצא תורה.

אייער,

א. א. ראָבאַק,
קיימברידזש, מאַסס.